**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/1/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אויס אקציעס צו מוטיגן קאָוויד-19 וואקסינאציעס פאר קינדער און פאמיליעס**

***דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס און העלט דעפארטמענט גיבן ארויס בריוו צו מוטיגן דער פעדעראלער רעגירונג צו פארזיכערן אינשורענס דעקונג פאר קאָוויד-19 וואקסין קאונסלינג באזוכן פאר קינדער און זייערע פאמיליעס***

***דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס גיבט ארויס נייע אנווייזונג בריוו צו ניו יארק׳ס אינשורענס צו באלוינען וואקסינאציעס***

***לייענט דער [DFS און DOH בריוו] צו דער פעדעראלער רעגירונג***

***לייענט [DFS׳ס אנווייזונג בריוו] צו ניו יארק׳ס אינשורענס אינדוסטריע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (DFS) און דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט (DOH) רופן אויף דער פעדעראלער רעגירונג ארויסצוגעבן אנווייזונגען צו אלע אינשורערס צו דעקן קאָוויד-19 וואקסינאציע באראטונגגען פאר קינדער און זייערע פאמיליעס. די גאווערנער האט אויך געמאלדן אז DFS גיבט ארויס אנווייזונגען צו אינשורערס זיי צו מוטיגן צו שאפן נייע אינצענטיוון און באלוינונגען פאר ניו יארקער וועלכע וואקסינירן זיך אדער בוסט׳ען זיך און וועלן געשווינד פראצעסירן די באוויליגונגען נויטיג צוצולייגן די פראגראמען צו די אינשורענס פאָליסיס.

״ניו יארק סטעיט זעצט פאר ווייטער ארויסצוהייבן די וויכטיגקייט פון זיך וואקסינירן — דער בעסטער וועג פאר אונז אלע צו האלטן אונזער קינדער און פאמיליעס אפגעהיטן, איבערהויפט אזוי ווי מיר באקעמפן דעם ווינטער אנפלייץ,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״אין צוגאב צו אונזערע אויספירליכע באמיאונגען צו וואקסינירן ניו יארקער, אריינגערעכנט #VaxForKids און פאַפּ-אַפּ וואקסינאציע פלעצער, נעמען מיר שריטן דורך רופן אויף דער פעדעראלער רעגירונג צו מוטיגן ניו יארק אינשורער צו דעקן וואקסינאציע בארעטונגען און דורך רופן אויף ניו יארקער אינשורערס אויסצוניצן וואוילזיין און באלוינונג פראגראמען צו מוטיגן זייערע אינשורירטע זיך צו וואקסינירן. די וואקסינען זענען זיכער, ווירקזאם, און ברייט צו באקומען לענגאויס דעם סטעיט און עס איז העכסט נויטיג אז מיר זאלן ניצן דער קריטיש-וויכטיגער מיטל וואס מיר האבן צו דער האנט.״

**סופעראינטענדענט פון פינאנציעלע סערוויסעס עדריענע עי. העריס האט געזאגט,** ״אומערווארטעטע מעדיצינישע קאסטן וועלכע קענען קומען מיט קאָוויד-19 באהאנדלונג קענען באווירקן אויף א פאציענט׳ס מעגליכקייט צו לייגן עסנווארג אויפ׳ן טיש, און טאקע צוליב דעם גיבן וואקסינען א וויכטיגע באשיצונג פלאן נישט נאר פאר דער געזונט פון קינדער נאר אויך פאר די פינאנציעל וואוילזיין פון פאמיליעס. DFS רעקאמענדירט שטארק אז אינשורערס זאלן דעקן קאָוויד-19 וואקסינאציע באראטונגען, באלוינען אלע ניו

יארקער זיך צו וואקסינירן און בוסט׳ען כדי אז זיי זאלן קענען באשיצן זיך און אנדערע פון דעם ווירוס און אירע וועריענטס.״

**העלט דעפארטמענט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״דער סטעיט זעצט פאר ווייטער צו טון אלץ וואס איז מעגליך צו פארזיכערן אז עלטערן און אויפציער קענען זיכערערהייט מאכן דעם באשלוס צו וואקסינירן זייערע קינדער. בחינם׳דיגע באראטונגען מיט זייער קינד׳ס העלטקעיר פראווײדער, די מערסט צוטרויליכער קוואל פון אינפארמאציע פאר מעדיצינישע באשלוסן, וועלן צוהעלפן. עס איז צוליב דעם וואס מיר רופן אויף דער פעדעראלער רעגירונג ארויסצוגעבן אנווייזונגען כדי אז אינשורערס זאלן דעקן קאָוויד-19 וואקסינאציע באראטונגען פאר פאמיליעס, אפצוטון דער פונדאמענטאלער איינצוימונג צו צוטריט. אלע ניו יארקער מוזן האבן צוטריט צו דער קאָוויד-19 וואקסין, ווי אויך גוטע, פאקט-באזירטע אינפארמאציע איבער דעם.״

די היינטיגע אנאנסמענט הויבט ארויס דער וויכטיגקייט פון ליפערן אקוראטע וואקסין אינפארמאציע צו פאמיליעס דורך זייערע צוטרויליכע העלטקעיר פראָווײדערס. אום דעצעמבער 2, 2021, האט דיביידען-העריס אדמיניסטראציע אנאנסירט א נייע פאדערונג פאר מעדיקעיד צו דעקן קאָוויד-19 וואקסין באראטונג באזוכן אין וועלכע העלטקעיר פראָווײדערס רעדן צו פאמיליעס איבער דער וויכטיגקייט פון קינדער וואקסינאציעס, אפילו ווען יענע באזוכן רעזולטירן נישט אין א וואקסינאציע. אין דעם בריוו ארויסגעגעבן דורך DFS און DOH, רופט ארויס ניו יארק אויף דער פעדעראלער רעגירונג צו פארלענגערן די אנווייזונגען צו דעקן אלע אינשורער און פאדערן פון אינשורער צוריקצוצאלן קאָוויד-19 וואקסינאציע באראטונגען מיט קיין שום קא-פעי אדער קאסטן-מיטיילונג פאר פאמיליעס. די אקציע וועט פארזיכערן אז העלטקעיר פראָווײדערס קענען נעמען די צייט צו ענטפערן די פראגן פון פאמיליעס און זיך באטייליגן אין געשפרעכן איבער דער קאָוויד-19 וואקסין, ענדגילטיג פארבעסערן יוגנט וואקסין ראטעס.

DFS׳ס אנווייזונג בריוו צו ניו יארקער אינשורער מוטיגט זיי צו שטיצן דעם סטעיט׳ס קאָוויד-19 וואקסינאציע פארשריטן און באמיאונגען צו באקעמפן דעם ווירוס דורך אנבאטן באלוינונגען און אינצענטיוון צו אינשורירטע וועלכע וואקסינירן זיך אדער בוסט׳ען זיך. העלט אינשורער זענען איצט ערלויבט אנצובאטן באוויליגטע וואוילזיין באלוינונגען צו אינשורירטע. DFS׳ס אנווייזונגען אינפארמירן פאר אינשורער אז די פראגראמען קענען געניצט ווערן אנצובאטן באלוינונגען וועלכע וואקסינירן אדער בוסט׳ען זיך און אז DFS וועט פארשנעלערן סיי וועלכע באוויליגונגען נויטיג צוצולייגן די באלוינונגען צו אינשורענס פאָליסיס.

לייענט דער [DFS און DOH בריוו] צו דער פעדעראלער רעגירונג.

לייענט [DFS׳ס אנווייזונג בריוו] צו ניו יארק׳ס אינשורענס אינדוסטריע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן